**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באשטימונגען פאר די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט, אפעלאט דיוויזיע**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט צען באשטימונגען פאר די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט, אפעלאט דיוויזיע. די גרופע מענטשן באשטייט פון גאר פעהיגע באשטימטע וועלכע קומען פון פארשידנארטיגע פערזענליכע און פראפעסיאנאלע הונטערגרונטן, אונטערשטרייכנדיג גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט'ס ריכטער שפיגלען ריכטיג אפ אלע סארטן מענטשן וואס רופן ניו יארק זייער היים. אין צוגאב צום אויסוועהלן ניין נייע באשטימטע, פילט גאווערנער האקול אן א ליידיגע זיץ אויפן קאנסטיטוציאנאלע באנק, א זיץ וואס איז ליידיג געווען ווען זי האט באשטימט ריכטערין רענוויק צו דינען אלץ פארזיצנדע ריכטערין פון די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט, אפעלאט דיוויזיע, ערשטע דעפארטמענט.

"איך בין שטאלץ צו באשטימען יעדער איינציגסטער פון די צען אויסערגעווענטליכע ריכטער, און איך בין זיכער אז זיי וועלן באדינען ניו יארקער מיט יושר און רעספעקט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ברענגענדיג מיט זיך צענדליגע יארן פון ארבעט ערפארונג און פארשידנארטיגע קוק ווינקלען, וועלן די באשטימטע פארזעצן צו ברענגען עהרע און ארנטליכקייט צו די ניו יארק סטעיט געריכט סיסטעם."

די באשטעטיגונגען רעכענען אריין:

**אניל סינג, ערשטע דעפארטמענט**

אניל סינג זיצט יעצט אויף די אפעלאט דיוויזיע און ער ווערט יעצט געפעדערט צו דינען אלץ אסאָסיעט ריכטער צו אנפילן די ליידיגע זיץ אויף די קאנסטיטוציאנאלע באנק וואס איז ליידיג געווען ווען גאווערנער האקול האט באשטימט ריכטערין רענוויק צו דינען אלץ פארזיצנדע ריכטערין. ריכטער סינג איז ערוויילט געווארן אלץ ריכטער פון די סופרים געריכט אין די ערשטע געריכטליכע דיסטריקט אין 2013, און ער איז באשטימט געווארן צו זיצן אויף די קאמיסיע פון געריכטליכע אויפפירונג ( Commission on Judicial Conduct) אין מאי 2023 דורך הויפט ריכטער ווילסאן. בעפארן ערוויילט ווערן האט ער געדינט אלץ א ריכטער פאר איבער צען יאר. ער איז ערוויילט געווארן צו די ציווילע געריכט פון ניו יארק סיטי אין 2002. אלץ ריכטער פון די ציווילע געריכט איז ער געזיצן אויף פעלער מיט אדער אן א דזשורי און אזוי אויך קליינע קלאגעס אריינרעכנענדיג 'טארט' אנגלעגענהייטן; ביזנעס מחלוקת'ן; קליענט קרעדיט פעלער; ריעל עסטעיט אנגעלעגנהייטן, אריינרעכענענדיג ביזנעס לענדלארד-טענאנט פעלער; 'סאָברוגעישען' (איינמאנען פון א דריטע פארטיי) אנגעלעגנהייטן; און אינשורענס מחלוקת'ן. אין 2015 איז ריכטער סינג באשטימט געווארן צו די קאמערציעלע דיוויזיע פון די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט. ריכטער סינג איז געבוירן געווארן אין גאזיפור, אינדיע אין 1958. אלץ א צענערלינג האט ער אימיגרירט צו די פאראייניגטע שטאטן אין 1976. נאכן באקומען א BA דעגרי פון לאורענס אוניווערסיטעט אין 1980, האט ריכטער סינג זיך איינגעשריבן אין די Antioch געזעץ סקול אין וואשינגטאן די. סי. וואו ער האט באקומען א JD דעגרי

אין 1986. ער האט געארבעט אלץ פּרינסיפּעל גריכט אטוירני אונטער די גערהרטע עליס שלעזינגער סיי אין די ציווילע געריכט פון ניו יארק סיטי און סיי אין די ניו יארק סופרים געריכט פון 1987 ביז 2002.

**לינעט רוסאַדאָו, ערשטע דעפּארטמענט**

לינעט רוסאַדאָו איז געווען א סופרים געריכט ריכטערין אין די צוועלפטע געריכטליכע דיסטריקט זינט 2019. ריכטערין רוסאַדאָו האט אנגעהויבן איר געריכטליכע קאריערע אלץ א ריכטערין פאר די ציווילע געריכט פון ניו יארק סיטי אין בראנקס קאונטי אין 2013, און זי איז דעזיגנירט געווארן אלץ צייטווייליגע ריכטערין פון די בראנקס קאונטי סופרים געריכט אין 2016. בעפארן ערוויילט ווערן צו די באנק האט זי געדינט אלץ א פובליק אדוואקאט; אן אדוואקאט פאר קינדער; און א געריכט אטוירני אונטער דריי ריכטער. ריכטערין רוסאַדאָו איז א קאמישאנער פון די פרענקלין ה. וויליאמס געריכטליכע קאמיסיע, א מיטגלידערין פון די דזשענדער יושר קאמיטע (Gender Fairness Committee) פאר די 12'טע געריכטליכע דיסטריקט, די ניו יארק סטעיט באנק בוך קאמיטע (Bench Book Committee) און די ניו יארק סטעיט געריכטליכע קאמיטע איבער פרויען אין די געריכטן. זי איז א מיטגלידערין פון די אדווייזארי באורד פון די Thurgood Marshall פארמעסט פון אויסגעשפילטע געריכטן פאר יונגע מענטשן און זי איז די וויצע פרעזידענט פון די ערשטע דעפארטמענט פון די נאציאנאלע אסאָוסיעישען פון פרויען ריכטערינס, NY טשעפטער.

**קעלי אָניעל, ערשטע דעפּארטמענט**

קעלי אָניעל לעווי האט געדינט אלץ ריכטערין אויף די סופרים געריכט פון ניו יארק סטעיט אין די ערשטע געריכטליכע דיסטריקט זינט 2017. בעפאר דעם איז ריכטערין אָניעל לעווי ערוויילט געווארן צו די ציווילע געריכט פון ניו יארק סיטי אין ניו יארק קאונטי אין 2010 וואו איז באאויפטראגט געווארן צו זיצן אויף פארשידענע געריכטן אין לויף פון די יארן, אריינרעכענענדיג די פאמיליע געריכט אין בראנקס קאונטי, ניו יארק קאונטי סופרים געריכט אלץ אדמיניסטראטיווע ריכטערין פון די הארלעם קאמיוניטי יוסטיץ צענטער און אלץ צייטווייליגע ריכטערין פון די ניו יארק סופרים געריכט ביזן ערוויילט ווערן צו די סופרים געריכט. זי האט בעפאר דעם געדינט אלץ א פּרינסיפּעל געזעץ קלערק אונטער די גערהרטע שערי קליין הייטלער און אונטער די גערהרטע ראָוז רובין. ריכטערין אָניעל לעווי האט געדינט אלץ פרעזידענט פון די Brehon Law Society, אן איירישע-אמעריקאנע באַר אסאָוסיעישען און אלץ וויצע פרעזידענט פון די נעטווארק פון באַר פירער. זי האט אויך געדינט אויף די באורד אָוו דירעקטארס פון די פרויען'ס באַר אסאָוסיעישען און אויף די באורד אָוו טראָסטיס פון די קאמיוניטי סערוויס סאָוסייעטי פון ניו יארק.

**לאורדס מ. ווענטורא, צווייטע דעפּארטמענט**

לאורדס מ. ווענטורא דינט יעצט אלץ אן אסאָוסיעט ריכטערין אויף די אפעלאט טערמין פון די סופרים געריכט פאר די 2'טע, 11'טע און 13'טע געריכטליכע דיסטריקטס. זי איז ערוויילט געווארן אלץ ריכטערין פון די סופרים געריכט פון ניו יארק סטעיט אין די עלפטע געריכטליכע דיסטריקט. בעפאר דעם איז ריכטערין ווענטורא ערוויילט געווארן צו זיין ריכטערין פון די ציווילע געריכט פון ניו יארק סיטי אין קווינס קאונטי. בעפאר ריכטערין ווענטורא'ס דינסט אויפן באנק, איז זי געווען א שותף אין די געזעץ פירמע פון אַהמוטי, דעמערס און מעקמענוס וואס ספעציאליזירט זיך אין אלע געביטן פון ציווילע געריכט פעלער. זי איז א געוועזענע אסיסטענט אטוירני דזשענעראל פאר די ציווילע רעכטן ביורא פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל'ס אפיס וואו זי האט פראקורירט פעלער און אויסגעפארשט קלאגעס איבער דיסקרימינאציע אין האוזינג, בילדונג/חינוך און אנדערע ענינים. ריכטערין ווענטורא דינט יעצט אלץ איינע פון די פארזיצער פון די גלייכע יוסטיץ אין די געריכטן קאמיטע ( Equal Justice in the Courts Committee) פאר די ציווילע טערמין פון די סופרים געריכט, קווינס קאונטי און אלץ מיטגלידערין פון די ניו יארק פעטערן דזשורי אנווייזונגען (ציוויל) קאמיטע. ריכטערין ווענטורא דינט יעצט אלץ פרעזידענט פון

די לאַטינאָו ריכטער אסאָוסיעישען און איז א באורד מיטגלידערין פון די סופרים געריכט ריכטער אסאָסיעישען פון ניו יארק סיטי און אזוי אויך די ריכטער און לויערס 'ברוסטקאסטן קענסער אלערט'

**קארל לענדיסינאָו, צווייטע דעפארטמענט**

קארל לענדיסינאָו איז ערוויילט געווארן אלץ ריכטער פון די סופרים געריכט אין די צווייטע געריכטליכע דיסטריקט פון ניו יארק אין 2011. ריכטער לענדיסינאָו איז געגאנגען צו די ראטשעסטער אוניווערסיטעט און צו סעינט דזשאן'ס אוניווערסיטעט געזעץ סקול, און ער איז אנגענומען געווארן צו די ניו יארק סטעיט באַר אין 1991. בעפארן ערוויילט ווערן איז ער געווען א שותף ביי די באָרטשערט, דזשענאָוועסי, לאספינא און לענדיסינאָו .P.C, וואו ער האט געארבעט אלץ א טרענזעקשען אטוירני און לויער. לענדיסינאָו האט אנגעהויבן זיין קאריערע אלץ אטוירני ביי די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון האוזינג אויפהאלטונג און דעוועלאפמענט (Department of Housing Preservation and Development). ריכטער לענדיסינאָו איז אן אפיציר פון די סופרים געריכט ריכטער אסאָוסיעישען פון ניו יארק סיטי, פאריגע פרעזידענט פון די קאלאמביאנע לויערס אסאָוסיעישען פון ברוקלין און די Nathan Sobel American Inn of Court of Brooklyn.

**לאורענס לאָוו, צווייטע דעפארטמענט**

לאורענס ל. לאָוו איז ערוויילט געווארן אלץ ריכטער פון די סופרים געריכט אין די עלפטע געריכטליכע דיסטריקט אין 2019. ער דינט יעצט אלץ ניו יארק סיטי-ברייטע קאָו-קאארדינעיטאר ריכטער פאר 'קינדער קורבנות געזעץ' (Child Victims Act) פעלער. בעפאר דעם איז ער ערוויילט געווארן צו די קווינס ציווילע געריכט אין 2012, און ער האט געדינט אלץ צייטווייליגער סופרים געריכט ריכטער פון 2016 ביז 2018. בעפארן ערוויילט ווערן צו די באנק, האט ריכטער לאָוו אויפגעהאלטן זיין אייגענע געזעץ פירמע מיט א קאנצענטראציע אויף פערזענליכע וואונדן געזעץ באזירט אין קווינס קאונטי, און ער האט געדינט אלץ לעגאלע ראטגעבער צו די דאן-אסעמבלי פרוי אוידרי י. פעפער וואס איז יעצט קאמישאנער קאונטי קלערק און קאמישאנער פון דזשוראָרס. ריכטער לאָוו איז א מיטגליד פון די באורד פון די Brandeis Association.

**מארק פאַווערס, דריטע דעפארטמענט**

מארק פאַווערס איז ערוויילט געווארן אלץ סופרים געריכט ריכטער פון די פערטע געריכטליכע דיסטריקט אין 2016. ריכטער פאַווערס האט גראדואירט פון די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אין אלבאני; Western New England געזעץ סקול; און די אלבאני געזעץ סקול מיט אן LLM דעגרי מיט אויסצייכענונג. בעפאר דעם איז ער ערוויילט געווארן אלץ פאמיליע געריכט ריכטער אין 2001 אין סקענעקטעדי קאונטי, און ער האט געדינט אלץ צייטווייליגער סופרים געריכט ריכטער אין די צוזאמגעשטעלטע אביוז אינדערהיים געריכט (Integrated Domestic Violence Court) אין סקענעקטעדי און עסעקס קאונטיס פון 2007 ביז 2016. בעפארן ערוויילט ווערן צו די באנק האט ריכטער פאַווערס אויפגעהאלטן זיין אייגענע געזעץ פירמע און ער האט געדינט אלץ אן עדזשאַנקט פראפעסאר ביי די Western New England געזעץ סקול, אויסלערנענדיג ניו יארקע פראקטיק. ריכטער פאַווערס איז אן אדווייזארי מיטגליד פון די אפיס פון געריכט אדמיניסטראציע'ס פאמיליע געריכט אדווייזארי און רוּלס קאמיטע און די אפעלאט דיוויזיע, דריטע דעפארטמענט אפיס פון אטוירניס פאר קינדער אדווייזארי קאמיטע. ער איז אויך א מיטגליד פון די הויפטשטאט דיסטריקט טונקל-הויטיגע און היספאנישע באַר אסאָוסיעישען.

**ל. מייקעל מעקי, דריטע דעפארטמענט**

מייקעל מעקי איז ערוויילט געווארן אלץ סופרים געריכט ריכטער אין די דריטע געריכטליכע דיסטריקט אין 2016. ער איז בעפאר דעם געווען א שותף ביי פיני, סענטי און מעקי, וואו ער איז געווען די לויער אין ציווילע געריכט פעלער אין פארשידענע פעלדער, אריינרעכענענדיג פערזענליכע וואונדן, קליענט באשיצונג, ריעל עסטעיט, אינשורענס און ציווילע רעכטן. ריכטער מעקי האט אויך אוועקגעגעבן פון זיין צייט פאר פובליק דינסט, אריינרעכענענדיג אלץ אן אלבאני קאונטי געזעצגעבער און אלץ טאון אטוירני פאר די טאון אָוו ניו סקאטלאנד. ער האט אנגעהויבן זיין לעגאלע קאריערע אלץ א געהיימע געזעץ קלערק צו אלבאני קאונטי געריכט ריכטער דזשאן דזש. קליין.

**הענרי נאָוואק, פערטע דעפּארטמענט**

הענרי נאָוואק איז ערוויילט געווארן צו דינען אלץ ריכטער פון די סופרים געריכט אין די אכטע געריכטליכע דיסטריקט אין 2010 וואו איר איז באאויפטראגט געווארן צו זיצן אויף די קאמערציעלע דיוויזיע פון 2016 ביז 2020 און אויף די מעדיצינישע פארנאכלעסיגונג (מעלפּרעקטיס) חלק זינט 2022. בעפאר דעם איז ער ערוויילט געווארן אלץ ריכטער פאר באפעלאו'ס סיטי געריכט אין 2003 וואו ער איז באאויפטראגט געווארן צו זיצן אויף די באפעלאו הייזער געריכט וואו ער האט אויסגעהערט פעלער איבער אלע הייזער פארלעצונגען און עקוויקשענס אין די סיטי אָוו באפעלאו. ער איז אויך בעפאר דעם געווען א פראצעס לויער ביי קאנארס און ווילאַרדאָו LLP און ביי ליפשיץ, גרין, פארינגער, ראל, סאליסבורי און קאמבריע LLP. ריכטער נאָוואק האט אויסגעלערנט א קאמיוניטי באטייליגונג לעגאלע קליניק אין 2022 ביי די SUNY באפעלאו געזעץ סקול, און ער איז בעפאר דעם געווען א לערער ביי די SUNY באפעלאו Honors College און ביי די ניו יארקע געריכטליכע אינסטיטוט. ער איז אויך איינער פון די רעדאגירער פון די באנק בוך פאר פראצעס ריכטער – ניו יארק.

**סקאט דעלקאנט, פערטע דעפּארטמענט**

סקאט דעלקאנט איז ערוויילט געווארן אין 2018 צו דינען אלץ א ריכטער פון די סופרים געריכט אין די פיפטע געריכטליכע דיסטריקט. בעפאר דעם איז דעלקאנט געווען א מיטגליד (שותף) אין באנד, שאָונעק און קינג PLLC אין וועלכע ער האט זיך אנגעשלאסן אין 1999, און אלץ פרינסיפּעל פון די דעלקאנט געזעץ פירמע אין אסוויגאָו וואו ער האט געהאנדלט מיט קאמפּליצירטע פעלער. אין זיין ציווילע פירמע, האט דעלקאנט געדינט אלץ טשענסעלאר און דזשענערעל קאָונסעל צו די אָפּער ניו יארק יערליכע קאנפערענץ פון די United Methodist Church. ער איז אויך א פאריגער פרעזידענט פון די אסוויגאָו קאונטי באַר אסאָסיעישען, און א פארגאנגענער דירעקטאר פון די אגריקולטורישע סאָסייעטי פון אסוויגאָו קאונטי-און Cornell Cooperative Extension פון אסוויגאָו קאונטי. דעלקאנט ציהט אויף 'הערפאָרד' קיהען מיט זיין ווייב און פיר קינדער ביי זייער פאמיליע פארם.

די יוסטיץ אפשאצונג קאמיטעען (Judicial Screening Committees) פון יעדע פון די פיר אפעלאט דעפּארטמענטס קוקן איבער אפליקאציעס און פירן דורך אינטערוויוס פון צענדליגע אפליקאנטן. נאר די אפליקאנטן וועלכע ווערן באשטימט צו זיין "גאר קוואליפיצירט" דורך די קאמיטעען ווערן ווייטער געשיקט צו די גאווערנער זיי צו נעמען אין באטראכט. צו געפונען ווערן צו זיין "גאר קוואליפיצירט" מוזן קאנדידאטן ארויסווייזן ערליכקייט, זעלבסטשטענדיגקייט, פירערשאפט, אינטעלעקט, לעגאלע פעהיגקייט, שיקול הדעת, כאראקטער און ערפארונג.

די גאווערנער'ס אפיס וועט פארזעצן ווייטער צו באטראכטן קאנדידאטן וועלכע מאכן ערפאלגרייכע פארשריט אריבער די אונטערזוכונג פראצעדור צו אנפילן ליידיגע זיצן אויף די אפעלאט דיוויזיעס פון די סופרים געריכט.

אונטער דער ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע און יורידישע געזעץ, האט די גאווערנער די מאכט צו באשטימען ריכטער צו יעדע אפעלאט אפטיילונג פון צווישן די וועלכע זענען ערוויילט געווארן אלס ריכטערן פון דעם הויכן געריכט. די באשטימונגען זענען נישט אונטערגעווארפן סענאט באשטעטיגונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418